א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

284 · פרשת שלח · תשע"ט

## מאוצרות אמונים
### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### א טאג וואס איז אקעגן א יאר

**"יוֹם לַשָּׁנָה יוֹם לַשָּׁנָה תִּשְׂאוּ אֶת עֲוֹנֹתֵיכֶם"** (יד לד)

לכאורה וואלט געדארפט שטיין: "שנה ליום", וואס ד.מ. אז די מרגלים זענען געשטראפט געווארן א יאר אקעגן יעדן טאג וואס זיי האבן שפיאנירט דאס לאנד, פארוואס האט די תורה אנגעכאפט דער לשון: "יוֹם לַשָּׁנָה"?

ענטפערט דער לעמבערגער רב **רבי חיים הכהן ראפאפארט**:

עס זעהט אויס אז די תורה האט דא מרמז געווען אין דעם לשון אויף א פראגע וואס איר ענטפער שטייט באלד געשריבן, און טייטש מען דעם פסוק: "יוֹם לַשָּׁנָה?" - דער אויבישטער איז דאך באוואוסט פאר א מלא רחמים, פארוואס האט ער אזוי שטארק געשטראפט די אידן, אז אויף יעדע טאג זענען זיי געשטראפט געווארן מיט א יאר? און די ענטפער אויף דעם איז: "יוֹם לַשָּׁנָה תִּשְׂאוּ אֶת עֲוֹנֹתֵיכֶם!" א גרויסע טובה איז ארויסגעקומען פון דער שטראף, ווייל דורך דעם האבן די אידן באקומען א גרויסע מתנה יעדע יאר - דער טאג פון יום כיפור - וואס אין דעם טאג איז דער אויבישטער מכפר אויף די עבירות פון די גאנצע יאר.

קונטרס 'אוצרות חיים' שבסוף שו"ת 'מים חיים'

### יום לשנה ביים ארייגיין אין א דירה

**"יוֹם לַשָּׁנָה יוֹם לַשָּׁנָה"** (יד לד)

דער אר"י הקדוש האט אנגעווארנט אז ווער עס האט אפגעלאזט זיין הויז זאל נישט צוריק קומען וואוינען נאר נאכן אריבערגיין זיבן יאר פון ווען ער האט עס פארלאזט ('יוסף אומץ' [לחיד"א] סי' לז אות ו).

אין א תשובה פאר איינער וואס האט געמוזט פארלאזן זיין הויז אקעגן זיין ווילן, און האט זיך געוואלט צוריק קערן בעפאר עס איז אדורך זיבן יאר, שרייבט **רבי מאיר אייזנשטאטער** דער אונגווארער רב, אז נאך וואס ער באקומט צוריק דעם הויז זאל ער ווארטן נאך זיבן טעג ביז ער וועט זיך דארט ארייגציהען, און ער זאל בעהטן פון השי"ת אז די זיבן טעג זאל אים גערעכנט ווערן - "יום לשנה" - אקעגן די זיבן יאר וואס ער האט געדארפט ווארטן לויטן אר"י הק'.

שו"ת 'אמרי אש' יו"ד סי' נט

### א תפילה יעדן אינדערפריה אויף אלע אידן

**"מֵרֵאשִׁית עֲרִסֹתֵיכֶם תִּתְּנוּ לַה' תְּרוּמָה לְדֹרֹתֵיכֶם"** (טו כא)

דער בעל **'מאור ושמש'** שרייבט אז די תורה האט דא מרמז געווען אויף א ספעציעלע הנהגה וואס די צדיקים האבן זיך געפירט מקיים צו זיין יעדן אינדערפריה, באלד ביים אויפשטיין פון שלאף:

"שוין 'מֵרֵאשִׁית' וואס ענק וועלן אויפשטיין פון בעט [=עֲרִסֹתֵיכֶם] יעדן אינדערפריה - זאלן ענק באלד דאווענען אויף אלע אידן זיי זאלן זיין געזונט און האבן אלעס גוט'ס. אזוי ווי הרב הקדוש איש אלקים המנוח מו"ה משולם זושע [פון האניפאלי] זצוק"ל האט זיך געפירט, יעדן אינדערפריה באלד ווען ער איז אויפשגעשטאנען פון זיין בעט האט ער געזאגט: 'גוט מארגן פאר אלע אידן', און זיי געוואונטשן און געדאוונט אויף זיי. און דאס איז די כוונה: 'תִּתְּנוּ לַה' תְּרוּמָה לְדֹרֹתֵיכֶם', ד.מ. א תפילה פאר אלע דורות אז זיי זאלן דערהויבן ווערן גאר הויעך, אמן".

## רזי אמונים
### רמזים פון אמן אין די פרשה

### 'חלק לעולם הבא' - שוין פונעם קליינעם בעטל

**"רֵאשִׁית עֲרִסֹתֵכֶם חַלָּה תָּרִימוּ תְרוּמָה"** (טו כ)

אין דער פסוק קען מען טרעפן א רמז אויפן פסק פונעם רמ"א (או"ח קכד ז): "וילמד בניו הקטנים שיענו אמן, כי מיד שהתינוק עונה אמן, יש לו חלק לעולם הבא"; "רֵאשִׁית עֲרִסֹתֵכֶם" די ערשטע זאך וואס א טאטע דארף אויסלערנען זיין קינד, נאך ווען ער ליגט נאך אין בעטל, איז: "חַלָּ"ה" - ר"ת: 'חלק לעולם הבא', דורך דעם וואס ער וועט אים אויסלערנען ענטפערן אמן.

'קרבני לחמי' פ"ז

### די 'בני ארץ ישראל' האבן מפסיק געווען אינמיטן א פסוק

**"דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם וְעָשׂוּ לָהֶם צִיצִת"** (טו לח)

אין מסכת ברכות (יד ב) ווערט געברענגט אז די בני ארץ ישראל האבן זיך געפירט צו זאגן ביינאכט ביי די דריטע קאפיטל פון קריאת שמע נאר די אנהויב און די ענדע: "דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם; אני ה' אלקיכם אמת", צוליב דעם וואס די אנדערע פסוקים פון די קאפיטל רעדן פון די מצוה פון ציצית וואס איז נישט שייך ביינאכט.

די מפרשים וואונדערן זיך: מיר טרעפן דאך אין גמרא (תענית כז ב) אז מ'טאר נישט מפסיק זיין אינמיטן א פסוק פון תורה אויף אזא פלאץ וואס משה רבינו האט נישט מפסיק געווען, לויט דעם, וויאזוי האבן די בני ארץ ישראל מפסיק געווען אינמיטן א פסוק?

אין **'שיטה מקובצת'** ווערט געברענגט, אז דאס וואס די בני ארץ ישראל האבן געזאגט איז א גאנצע פסוק אין תורה, אין פרשת אחרי מות (ויקרא יח ב): "דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם אֲנִי ה' אֱלֹקֵיכֶם". אבער דער **'אמרי אמת'** וואונדערט זיך אויף דעם, כאטש עס איז טאקע דא אזא פסוק, אבער די כוונה פון די בני ארץ ישראל איז דאך געווען זאגן א טייל פון דער ערשטער פסוק און פון דער לעצטער פסוק פון די פרשה פון ציצית אנשטאט עס זאגן בשלימות?

דעריבער, ערקלערט דער 'אמרי אמת' אז די בני ארץ ישראל האבן זיך געקריגט אויף די אויבנדערמאנטע הלכה און זיי האבן געהאלטן אז מ'מעג יא מפסיק זיין אויך אין אזא פלאץ וואס משה רבינו האט נישט מפסיק געווען. און אזוי ווי מ'קען זיך א ראיה ברענגען פון די גמרא (קידושין ל א, וראה ספר המקנה' שם), אז די בני ארץ ישראל האבן זיך געפירט ענדיגן ליינען די גאנצע תורה איינמאל אין דריי יאר, נישט אזוי ווי אונז וואס מיר ענדיגן יעדע יאר, און צוליב דעם האבן זיי אין אסאך פעלער געמוזט מפסיק זיין אינמיטן פרשיות און פסוקים.

'שיטה מקובצת' ברכות יד ב; 'מכתבי תורה' סי' סא

### מקדים זיין 'זכירה' צו 'עשיה'

**"וּזְכַרְתֶּם אֶת כָּל מִצְוֹת ה' וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם"** (טו לט)

טייטש דער **'כתב סופר'**:

איינער וואס איז מקיים א מצוה און ער זאל גלייבן אז ער איז באפוילן געווארן אויף דעם אין סיני, זאגט אויף אים דער פסוק (לעיל פס' לא): **"כִּי דְבַר ה' בָּזָה וְאֶת מִצְוָתוֹ הֵפַר"** (ראה סנהדרין צט א). צוליב דעם האט מען מתקן געווען מ'זאל זאגן א ברכה פארן טון א מצוה: "ברוך... אשר קדשנו במצוותיו וציונו על...", ווייל מיט דעם רופן מיר אויס אז מיר זענען מקיים די מצוה גלויבנדיג אז דער אויבישטער האט אונז באפוילן אויף דעם.

דער יסוד איז מרומז אין דער פסוק; אין אנהויב: "וּזְכַרְתֶּם אֶת כָּל מִצְוֹת ה'" - געדענקט אז די מצוה וואס ענק גייען יעצט מקיים זיין האבן ענק באקומען פון ה', און נאר נאכדעם: "וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם".

'כתב סופר'

### די תכלית פון די מצוות איז צו הייליגן דעם מענטש

**"לְמַעַן תִּזְכְּרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֶת כָּל מִצְוֹתָי וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים לֵאלֹקֵיכֶם"** (טו מ)

**רבי יהודה חאלאווה** שרייבט:

די סיבה פארוואס די חכמים האבן מתקן געווען ביי דעם נוסח פון די ברכת המצוות א לשון קדושה: "**אשר קדשנו במצותיו** וציונו...", איז געבויעט אויף דער פסוק, ווי דא שטייט אז די תכלית פון געבן די מצוות פאר די אידן איז כדי זיי הייליגן.

צו דעם לייגט צו האדמו"ר **רבי משה יחיאל פון אוז'רוב**:

לויט די פשוטע פשט וואלט מען פריער געדארפט דערמאנען די עצם מצוה און נאר נאכדעם די קדושה וואס קומט דורך דעם; "אשר ציונו... וקידשנו במצוותיו"; נאר די סיבה פארוואס מ'האט מתקן געווען דערמאנען פריער די קדושה, כדי צו באטאנען אז די גאנצע ציל פון מקיים זיין די מצוה איז צו משיג זיין די קדושה וואס קומט דורך דעם, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: "וַעֲשִׂיתֶם אֶת כָּל מִצְוֹתָי וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים".

'אמרי שפר' [לר"י חאלאווה] בראשית כד סז; 'באר משה' קדושים עמ' שנג

## בֵּית אַהֲרֹן בָּרְכוּ אֶת ה'




"...יעדער זאל הערן פון זיין חבר יעדע ברכה וואס ער דארף זאגן כדי ער זאל ענטפערן אמן. ווייל עס שטייט אין די כתבי האר"י ז"ל אז ער האט אויסגעהערט די ברכות השחר אפילו פון הונדערט מענטשן, כאטש ער האט געקענט אין איין מינוט מייחד זיין אלע עולמות, פון דעסוועגן האט ער נישט אכטונג געגעבן אויף זיין צייט און האט זיך נישט אפגעהאלטן אפילו פון צו הערן הונדערט מאל, די ברכה פון 'הנותן לשכוי בינה' און אלע ברכות".

**'בית אהרן' סדר היום ואזהרות קודש**

רבי יום טוב שמחה, דער משב"ק פונעם 'בית אהרן' פון קארלין, פלעגט יעדן אינדערפריה ארייגגיין צו זיין רבי'ן זאגן פאר אים די ברכות השחר, כדי ער זאל ענטפערן נאך זיי אמן.

**'אוצר ישראל' עמ' צב**



**ברכות השחר: אויפן קול · מיט כוונה · מיט א חברותא.**

# תענה אמונים

א בליק איבער די מעלה פון 'השכמת בית המדרש'

## השכמת בית המדרש (אריינפיר)

אין די קומענדיגע וואכן וועט דער אפטיילונג זיין מוקדש אויף א ספעציעלע סעריע ארטיקלען אין הלכה און אין אגדה איבער דער חשיבות און די מעלה פון 'השכמת בית המדרש'.

מיר אלע ווייסן נאך פון אונזערע קינדער יארן די ספעציעלע מעלה וואס מיר האבן זוכה געווען אלץ אידן, זיך צו באגעגענען יעדן טאג פריוואט מיטן מלך מלכי המלכים, דער שומע תפילת כל פה. אבער צו אונזער ווייטאג, דאס געוואוינהייט טוט אויף זיינס, און די ספעציעלע באגעגענישן, וואס די גאנצע תכלית פון דעם איז צו פארבינדן דעם באשעפער צו זיינע באשעפענישן, ווערט אסאך מאל געטון אפגעכאפטערהייט, אן צולייגן הארץ צו דעם און אן געפיל.

אין די פאלגנדע ארטיקלען וועלן מיר פראבירן אביסל ערוועקן די אלטע ליבשאפט, מעורר זיין די הערצער מיט מאמרים פון אונזערע חכמים זכרונם לברכה און מיט פערל-ווערטער און ערציילונגען פון אונזערע רבי"ס. די ארטיקלען וועלן שטארק ארויסברענגען דעם פונקט אז 'השכמת בית המדרש' איז א העכסט-וויכטיגע תנאי צו קענען דאווענען ווי עס דארף צו זיין און ארויסהאבן דאס מערסטע נוצן פון דעם.

עס איז דיר שוין זיכער אויסגעקומען זיך צו באגעגענען, איינמאל, צוויי מאל צי מער מיט א חשובע פערזענליכקייט. די סארט באגעגענישן ווערן געווענליך באשטימט א לאנגע צייט פון פאראויס, און ווי מער מ'דערנענטערט זיך שטארקט זיך די געפילן.

כדי מ'זאל קענען פארדינען דאס מערסטע וואס איז מעגליך, פעלט אויס מ'זאל זיך צו דעם פריער גרייטן, די צייט וואס האט אפגעשמועסט צו דעם איז פונקטליך, א שאד פאר איינעם וואס וועט נישט זיין צייטליך אדער ער וועט נישט זיין גרייט. אויך בשעת'ן זיך טרעפן דארף מען שטארק קאנצענטרירן דעם קאפ, עס זאל חלילה נישט געזאגט ווערן א איבריגע ווארט אדער עס וועט פעלן א וויכטיגע ווארט.

פאר דיר, בשר ודם, איז געגעבן געווארן די געלעגנהייט, נישט איינמאל אין לעבן, נאר דריי מאל יעדן טאג! דארפסט וויסן אז די באגעגענישן, טראץ, אדער אפשר צוליב זייער אפטקייט, זענען זיי דער מקור פון די גאנצע רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע שפע אין דיין לעבן; די געזונט, פרנסה, נחת און שמחה וואס אויסער דעם - איז דיין לעבן נישט קיין לעבן.

לאמיר זיך נישט לאזן פון דער כח פון 'געוואוינהייט' וואס קומט פונעם יצר הרע צו פארדארבן די באגעגענישן, מיר זאלן דערלייגן איינמאל נאכן צווייטן די גאלדענע געלעגנהייטן, אנשטאט מיר זאלן שטייגן מער און מער אין די וועג פון עבודת השי"ת צו קענען משלים זיין אונזער תכלית אויף דער וועלט.

כדי די ארטיקלען זאלן האבן די מערסטע נוצן, וועלן זיי צוטיילט ווערן אויף פינעף הויפט טעמעס:

### א. ובהיכלו כולו אומר כבוד

דער יסוד פון די מעלה פון קומען פריה ליגט באהאלטן אין די פארשטאנד אין דער ענין פון תפילה, די ווערטער זאלן חלילה נישט געזאגט ווערן ווי איינער וואס מוז אפצאלן א חוב, נאר מיט פארשטאנד אז דאס איז א באגעגעניש וואס איז געמאכט געווארן צו פארשטארקן דעם קשר צווישן אונז און דער באשעפער, א קשר וואס אן דעם איז אונזער לעבן נישט קיין לעבן. צוליב דעם, דארפן מיר זעהן אז די באגעגעניש זאל אפגעראכטן ווערן מיט די ריכטיגע בליק, און צום ווייניגסטנ'ס נישט ווייניגער פון א באגעגעניש מיט א מלך בשר ודם.

### ב. תפילה אין צייט.

די חכמים האבן קובע א באשטימטע צייט אויף יעדע איינס פון די דריי תפילות. א תפילה נאך איר צייט פארלירט אסאך פון איר תועלת און איר חשיבות. אויב וועלן מיר צוריק גיין צו די פארשטעלונג וואס מיר האבן אנגעהויבן; צו א באגעגעניש מיט א קעניג, און אפילו מיט סתם א חשובע מענטש, וועלן מיר אכטונג געבן נישט צו פארשפעטיגן אפילו איין מינוט פון די צייט וואס מ'האט באשטימט פאר אונז, איז דאך זיכער אז אזוי דארפן מיר טראכטן אויף די באגעגעניש מיטן מלך מלכי המלכים.

### ג. דאווענען אויפן סדר.

די וואס קומען שפעט צום דאווענען, מוזן אסאך מאל - צוליב דעם - אפכאפן אסאך שטיקלעך פון די דאווענען, און נישט איינמאל אויך אינגאנצן איבערלאזן געוויסע שטיקלעך. מ'דארף וויסן אז די סדר התפילה איז פארפאסט געווארן דורך גרויסע מענטשן, די אנשי כנסת הגדולה, תנאים, אמוראים און פריערדיגע גאונים. די האבן געוואוסט וואס עס טוט זיך אפ אין די עולמות העליונים, און זיי האבן געהאט די מעגליכקייט צו באשטימען דעם ריכטיגן און פונקטליכן סדר וואס דורך דעם וועלן אונזערע תפילות ארויף גיין לרצון לפני ה'. אויב מיר וועלן נישט דאווענען לויט דעם סדר, וועלן מיר זיכער אפשוואכן די כח פון איר השפעה.

### ד. דאווענען אויף א מקום קבוע.

נישט אומזינסט האבן די חכמים אזוי שטארק ארויסגעברענגט די מעלה פון איינער וואס איז קובע מקום לתפילתו. ווייל מקפיד זיין אויף א תפילה במקום קבוע איז א סימבאל אויף די שטארקהייט פון די קשר צווישן אונז און אונזער באשעפער, און אין די זעלבע צייט איז עס א געוואלדיגע סגולה צו קענען דאווענען ווי עס דארף צו זיין, אין די פאסיגע צייט, אין דעם ריכטיגן סדר און דורך דעם אויך מיט כוונה און מיט צולייגן הארץ צו די ווערטער.

### ה. די מעלה פון עשרה ראשונים.

אויסער די אויבנדערמאנטע מעלות, דער וואס קומט פריה צום דאווענען איז זוכה צו ווערן גערעכנט צווישן די 'עשרה ראשונים' וואס די חז"ל האבן שטארק מחשיב געווען די מעלה, אז עס שטייט אין זוהר (בראשית דף רנה א) אז זיי נעמען שכר אקעגן די אלע וואס קומען נאך זיי. און נאך שטייט (שמות דף קלא א) אז ער ווערט אנגערופן דער באליבטער פונעם קעניג.

מיר האפן צו השי"ת אז ער וועט אונז העלפן מיר זאלן קענען אויספירן אונזערע געדאנקען, און די ארטיקלען זאל צוברענגען א חיזוק און א תועלת פאר די ליינער, זיך קענען מחזק זיין אין די גרויסע מצוה און דורך דעם זוכה זיין צו די געוואלדיגע שפע וואס דער מלך מלכי המלכים איז משפיע 'לכל אשר יקראוהו באמת'.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## א תפילה וואס האט צובראכן דער צוים פון די טערקישע שפראך...

שוין אין יאר תרפ"ה, דערנאך וואס דער גאון רבי איסר זלמן מעלצער זצ"ל איז ארויף פון אייראפא זיך צו באזעצן אין ארץ ישראל און דינען אלץ ראש ישיבה פון 'עץ חיים' אין ירושלים עיר הקודש, האט זיין פלומעניק דער גאון רבי אלעזר מנחם מן שך זצ"ל זייער שטארק אים געוואלט נאכטון און זיך אויך באזעצן אין די הייליגע לאנד.

זיינע געפילן און זיין גלוסטעניש האט ער אויך אפגעשריבן אין א בריוו וואס ער האט געשיקט צו זיין פעטער נאכן ארויף גיין קיין אר"י:

"הנה מה מאוד יפה ונעים היה לי הדבר אם גם אנכי... נוכל לבוא ולהתכונן בירושלים, כי מאוד עגמה לי נפשי מיום נסעו מפה, וקשה לי מאוד פרידתכם... וכמו זר בארץ נכריה נשארתי גלמוד, ואם ישנו איזה מקום מקלט בארצנו, אזי מאושר הייתי...".

למעשה, צוליב די באפעל פון די גדולים אין זיין דור וואס האבן אים געהייסן פארזעצן זיין תפקיד אלץ א מרביץ תורה לעדרים, און ער זאל ממלא מקום זיין דאס פלאץ פון זיין פעטער אין די ישיבה אין קלעצק איז ער דארט געבליבן, און אזוי איז זיין חלום אפגעשטיפט געווארן אויף א אומבאקאנטע צייט.

פופצן יאר זענען אריבער פון דעמאלטס. אין אנהויב יאר ת"ש האבן זיך אנגעהויבן צו הערן אין גאסן פון אייראפא קולות פון די צווייטע וועלט'ס קריג, און דער שרעק האט זיך אנגעהויבן צו ערוועקן אין די הערצער. אין יענע שווערע טעג האט די ווילן פון הרב שך נאכאמאל אנגעהויבן צו בוזשעווען אין זיין הארץ, און ער האט עס געוואלט אויספירן און ארויף גיין. ער האט פארגעלייגט זיין שאלה פארן גאון רבי חיים עוזר גראדזשינסקי זצ"ל פון ווילנא, ווען אין זיינע ווערטער ברענגט ער עקסטער ארויס זיין זארג אויף זיין קליינע זון און טאכטער.

די ענטפער פון רבי חיים עוזר איז געווען קלאר און שארף:

"דיין זון אפרים נ"י וואלט פאסיג געווען אים שיקן קיין ירושלים וואו דארט וועט ער זיך געפינען אונטער די שאטן פון דער פעטער רבי איסר זלמן, אבער איר זאלט בלייבן אין די ישיבה פון קלעצק, דארט האט איר א מעגליכקייט מרביץ תורה זיין און אויך די פרנסה איז גוט אוועק געשטעלט, אבער אין ארץ ישראל וואס איז א פוסטע מדבר, וואו אהין וועלן ענק זיך ווענדן?!"

אבער א קורצע צייט נאכדעם זענען שוין די הימלען פון אייראפא פארטונקלט געווארן מיט די מלחמה וואלקענעס. יעצט איז שוין נישט געווען א פראגע פון פרנסה אדער פון מרביץ תורה זיין, נאר א פראגע פון לעבן צי טויט. יעצט האט שוין רבי חיים עוזר זצ"ל צוגעשטימט אז הרב שך מיט זיין פאמיליע זאלן טון אלעס וואס זיי קענען כדי זיי זאלן ארויף גיין קיין ארץ הקודש.

אבער, די געוועונליכע מעגליכקייט צו באקומען א ערלויבעניש אריינגיין גראד אין ארץ ישראל איז כמעט אוממעגליך געווען, דעריבער האט הרב שך באשלאסן פראבירן אויף א אנדערע וועג; ער איז געפארן קיין מאסקאווע און דארט האט ער זיך געווענדן צו די טערקישע קאנסולאט, כדי צו בעהטן פון זיי א וויזע אויף טערקיי, און פון דארט - האט ער געהאפט - וועט ער קענען טרעפן א וועג ארויף גיין קיין ארץ ישראל.

הרב שך איז אריין אין די קאנסולאט און האט באלד פארשטאנען אז ער געפינט זיך אין א שווערע פראבלעם; ער האט פראבירט זיך ווענדן צו דער באאמטער פונעם קאנסולאט, אבער זייער שנעל האט ער פארשטאנען אז ער וועט מוזן פירן מיט אים א שפראך פון שטומע. דער באאמטער האט נישט געקענט א אנדערע שפראך אויסער טערקיש, און האט אינגאנצן נישט ארויסגעוויזן קיין אינטערעס צו וועלן פארשטיין די ערקלערונגען פון הרב שך אויף די וויכטיגקייט צו באקומען די ערלויבעניש שוין יעצט.

הרב שך האט געקוקט ארום זיך, און ווען ער האט נישט געזעהן אין געגנט א מענטש וואס וועט קענען דינען ווי א פארמיטלער צווישן אים און דער רואיגער באאמטער און אים ערקלערן די אורזאך פון זיין קומען, האט ער גענומען די פאך פון זיינע עלטערן, און אזוי ווי אידן האבן זיך געפירט אין אלע דורות ווען עס האט זיי אנגעטראפן א צרה, ער האט זיך אוועקגעשטעלט אין די ווינקל פון די קארידאר, אינדרויסן פון צימער פונעם באאמטער, און האט אנגעהויבן דאווענען מיט התרגשות, מיט דמעות שליש און מיט תחנונים פארן באשעפער ער זאל אים העלפן טרעפן א וועג וויאזוי זיך קענען ראטעווען צוזאמען מיט זיין פאמיליע פון די פייער פון די מלחמה.

אינצווישן איז דארט אנגעקומען דער גאון רבי שבתי יגל, דער ראש ישיבה אין סלאנים. הרב יגל וואס האט צוגעזעהן די ענגשאפט פון הרב שך, איז ער באלד צוגעגאנגען צו דעם טערקישן באאמטער און האט אנגעהויבן רעדן מיט אים די שפראך פון צייכנעס; אין אנהויב האט ער געוויזן אויף ארויף, און נאכדעם האט ער זיך אראפגעבויגן און געוויזן אויף אונטן. ער האט איבערגע'חזר'ט די סארט באוועגונגען עטליכע מאל, וועלנדיג שילדערן פארן טערקישער באאמטער אז אויב זיי וועלן בלייבן אין ווילנא וועלן זיי חלילה באערדיגט ווערן אין די ערד...

עס איז איגאנצן נישט זיכער אז דער באאמטער האט פארשטאנען די ערקלערונגען פון הרב יגל, אבער בדרך נס, באלד נאכן ענדיגן די מאדנע פארשטעלונג האט ער געזיגלט אויף די וויזע'ס; אין אנהויב פאר די פאמיליע פון הרב שך, און נאכדעם פאר די פאמיליע פון הרב יגל.

דער ערשטער שריט פון די פלאן פון די רייזע האט זיך שוין אנגעהויבן, אבער די מיטמאכענישן האבן זיך נאכנישט געענדיגט. הרב שך און הרב יגל האבן זיך געאיילט צוריק גיין צו זייערע פאמיליע'ס און זיך שנעל גרייטן אויף זייער לאנגע וועג, און נאך א קורצע צייט זענען די משפחה מיטגלידער געשטאנען ביי די פארט פון אדעס, ווארטנדיג אויף א שיף וואס וועט זיי פירן קיין איסטאנבול.

די רייזע האט זיך געצויגן עטליכע טעג און ביים ענדע האבן די צוויי משפחות מיטגלידער געוואלט אראפ גיין אין די פארט פון איסטאנבול, אבער די באאמטע פון דער פארט האבן זיך פאר'עקשנ'ש און האבן נישט געוואלט אריינלאזן. די טערקישע רעגירונג וואס האט געציטערט פון א פארפלייצונג פון אנטלאפענע וואס וועלן זיך באזעצן אין זייער לאנד און זייער עקאנאמיע וואס אן דעם איז עס אויך שוין געווען שוואך וועט פארערגערט ווערן, האט באפוילן נישט אריילאזן די אנטלאפענע פון אייראפא.

אלע ערקלערונגען און די פראוואונגען פון איבררעדן פון די זייט פון די פאמיליעס פון הרב שך און הרב יגל אז זיי ווילן נישט זיך באזעצן אין טערקיי האט אינגאנצן נישט געהאלפן, און די רעגירונג האט באשלאסן צו פארשפארן צו טויערן פון זייער לאנד און זיי פארטרייבן צוריק צו די בלוטיגע אייראפא.

אויך אין די שווערע מינוט האט הרב שך זיך נישט מייאש געווען. אויך יעצט האט ער זיך געוואנדן צו טון דאס זעלבע זאך וואס ער האט געטון זייענדיג אין די טערקישע קאנסולאט אין מאסקעווע; ער האט זיך געשטעלט אין א ווינקל אונטן אין די שיף און גדאווענט א קאכעדיגע תפילה וואס איז ארויסגעקומען פון טיפן הארץ, מ'זאל זיי נישט צוריק פארטרייבן קיין מאסקעווע, צו אזא פלאץ וואס עס הערשט דארט א געפאר אויף די אידן.

עטליכע מינוט נאכדעם איז געשעהן א נס; פלוצלינג איז ארויף אויפן שיף א איד מיט א מכובד'יגן געשטאלט, וואס זיינע שיינע קליידער האבן עדות געזאגט אז ער איז פון די אנגעזענע פון די אידישע געמיינדע אין איסטאנבול. מיט א פריינדליך פנים האט ער אויסגעהערט די צרה פון זיינע אידישע ברודער, און האט זיך באלד געוואנדן מיט שנעלע טריט צו די אפיס פון די אימיגרעשן אין די פארט, דארט האט ער זיי געמאלדן אז ער נעמט זיך אונטער אז די צוויי פאמיליעס וועלן זיך נישט אויפהאלטן אסאך צייט אין טערקיי און זיי וועלן טון דאס מערסטע וואס זיי קענען זיי זאלן ווי שנעלער קענען פארזעצן זייער וועג קיין ארץ ישראל.

ביזן היינטיגן טאג ווייסט מען נישט ווער איז געווען דער מענטש, אבער למעשה, די טערקן זענען איבערגערעדט געווארן פון זיינע ווערטער און זיי האבן געלאזט פאר די פאמיליע מיטגלידער אראפ גיין צו די פארט. אזוי ווי זיי האבן צוגעזאגט, זענען זיי דארט נישט איבערגעבליבן אסאך צייט, און זיי האבן שנעל ערלעדיגט די וויכטיגע פאפירן צו קענען פארזעצן זייער רייזע, פון טערקיי קיין סוריא און פון סוריא קיין ארץ הקודש.

יא, מיטן כח פון תפילה און אמונה, האט די עולם התורה זוכה געווען צו איינעם פון די גדולי הדורות, א גרויסער פירער וואס האט אריבער געברענגט די מסורת פון די ליטווישע ישיבות אין ארץ הקודש, א וועג וואס ווערט פארגעזעצט דורך זיינע תלמידים וואס זענען ממשיך זיין וועג ביזן היינטיגן טאג.

'אוצר הסיפורים למחנכים ולמרצים' ח"א עמ' 497

shay עיצובים

"בני אמונים" ת.ד. 102 בני ברק | פקס. 08-9746102 | מייל. 9139191@gmail.com | ניתן לקבל עלון זה במייל מידי שבוע